**גוט שבת אלע אידן.** ווען ר' ישראל פון רוזשין זי"ע איז געווען א קליין קינד האט ער אמאל געשפילט אינדרויסן ערב שבת. זעענדיק ישראל שפילן, האט זיין עלטערער ברודער ר' אברהם אים דערמאנט: "עס איז באלד שבת!" דאס קינד האט ארויפגעקוקט צום הימל און געזאגט "דו ביסט גערעכט!"

"און ווי אזוי ווייסטו דאס, [אז עס וועט באלד זיין שבת?]" האט אברהם געפרעגט זיין ברודער ישראל. "נו..." האט דאס קליין קינד אנגעהויבן צו זאגן, "צי דען קענסטו נישט זען ווי די הימלן טוישן זיך?!?"

דער אייבערשטער באפעלט די וואך די בני ישראל אז זיי זאלן נישט זאמלען דעם "מן" אין שבת קודש. די פרשת "המן" איז מרמז אויף פרנסה. פון דא זעט מען אז שבת טאר מען נישט עוסק זיין על המחיה ועל הכלכלה, ד"ה, מען טאר נישט ארבעטן שבת. דער חפץ חיים זצ"ל זאגט אז איינער וואס ארבעט שבת רח"ל, טוט גאר נישט אויף, ווייל דאס געלט וואס ער "פארדינט" שבת ווערט אראפגערעכענט פון דער פרנסה וואס איז שוין באשטעלט געווארן פאר אים ראש השנה. משל למה הדבר דומה, איינער האט א זעקל וואס האלט וואסער, טאמער ער מאכט אסאך לעכער אין דעם זעקל, רינט ארויס די וואסער נאר שנעלער, אבער בלייבט ער מיט דאס זעלבע מאס וואסער! דער פאלגענדער מעשה, וואס מען האט געהערט פון דעם בעל מעשה אליינס, ווייזט אויף די בחינה אז אין שבת פארדינט מען גארנישט דורך ארבעטן.

דער מעשה איז געשען מיט בערך 10 יאר צוריק אין ברוקלין. עס וואוינט א משפחה אין ברוקלין וואס הייסט די "מזרחי" משפחה, (נישט זייער עכטע נאמען). ווען דער מעשה איז געשען, זענען דער טאטע און די מאמע פון דער משפחה נעבאך נישט אינגאנצען פרום געווען. פונדעסטוועגן, האבן די עלטערן געשיקט זייער קינדער צו לערנען אין פרומע מוסדות. זיי האבן פארשטאנען דעם וויכטיגקייט פון אידישע חינוך, אפילו זיי אליינס זענען נישט געווען פרום. און דורך דעם, זענען ב"ה רוב פון די קינדער געווארן ערליך.

נעבאך אבער, האבן די עלטערן געארבעט אין שבת קודש, ה' ירחם! זיי פלעגן גיין פארקויפן זאכן ביי א גרויסע מארק וואס פלעגט זיין יעדען שבת. יעדען שבת אינדערפרי פלעגן די קינדער נעבאך זען ווי די עלטערן זענען ארויסגעפארן צו זייער געשעפט.

די מזרחיס האבן געהאט איין קינד וואס איז ב"ה געווען שטארק נזהר מיט שמירת התורה און מצוות, מער ווי די אנדערע קינדער. דער בחור, לאמיר אים רופן מרדכי, האט נישט געקענט פארנעמען צו זען זיינע עלטערן טרעטן אויף דעם הייליגען שבת. עס האט אים שטארק געשטערט. כאטש מרדכי האט געוואוסט פון דער מצוה פון כיבוד אב ואם, האט ער אבער נישט געקענט זיך צוריקהאלטן פון מוכיח זיין זיינע עלטערן.

ווי מער מרדכי האט געוואקסט אין תורה, האט ער פארשטאנען דעם הארבקייט פון חילול שבת. איין טאג, האט ער שוין נישט געקענט צוריקהאלטן. ער איז געגאנגען צו זיין טאטען און מאמען און ער האט געזאגט צו זיי, אז זיי וועלן קיינמאל נישט הנאה האבן פון דעם געלט וואס זיי מאכן אין שבת קודש. און נישט נאר דאס, אבער דאס געלט וועלן זיי איין טאג פארלירן אינגאנצן! פארשטייט זיך אז זיינע עלטערן האבן אים בכלל נישט צוגעהערט, און זיי האבן ליידער ווייטער געארבעט אין שבת קודש.

דורך די יארן האבן זיי צוזאמענגענומען עטליכע טויזענטע דאלארס דורך ארבעטן שבת. זיי האבן באהאלטן דעם געלט אינדערהיים. זיי האבן נישט געוואלט לייגן דעם געלט אין א באנק, כדי די רעגירונג זאל נישט געוואר ווערן וועגן דעם וכו'. יעדע וואך ווען זיי זענען אהיימגעקומען נאך זייער פארקויפן אין שבת, האבן זיי געציילט זייער געלט וואס זיי האבן געמאכט יענע טאג, און זיי האבן עס אוועקגעלייגט אין אן אלטען גראסערי בעג, וואס זיי האבן גוט באהאלטן אין שטוב...

יעדעס יאר, פאר פסח האט די גאנצע משפחה גענומען רייניגען דעם שטוב פון חמץ. אפילו זיי זענען נישט געווען אינגאנצן פרום, האבן זיי כאטש געהאלטן א פסחדיגע שטוב. יעדער איינער האט גענומען טייל אין דעם גרויסן ארבעט לכבוד פסח.

איין יאר, האבן זיי אלע גערייניגט דעם שטוב עטליכע וואכן פאר פסח. אינצווישן, אין די וואכן פאר פסח, איז אויסגעקומען א שבת וואס די עלטערן זענען געגאנגען נעבאך פארקויפן אין דעם מארק. יענע שבת, ווען זיי זענען אהיימגעקומען זענען זיי געגאנגען ברענגען דעם זעקל געלט, כדי אוועקצולייגן די געלט פון יענע טאג. צו זייער ערשטוינונג אבער, איז דאס זעקל געלט נישט געווען צו טרעפן! זיי האבן איבערגעדרייט דעם הויז, אבער זיי האבן גארנישט געטראפן. נאכדעם וואס זיי האבן געזוכט דעם געלט אין דעם גאנצן הויז, זענען זיי געקומען צו דער הכרה אז עס איז געשען א מוראדיגע אומגליק מיט דעם געלט. איינער האט בטעות אוועקגעווארפן דעם אלטען גראסערי בעג פול מיט געלט בשעת זיי האבן גערייניגט דעם שטוב לכבוד פסח. איבער $10,000 איז געגאנגען אין דעם גארבידזש אריין!

מרדכי איז געווארן מוראדיג נתפעל זעענדיק די השגחה פרטית. כאטש אז מרדכי האט געוויזן צער לכבוד זיין עלטערן, האט ער אבער געשמייכעלט צו זיך, און ער האט געהאפט אז זיינע עלטערן וועלן איין טאג פארשטיין דעם מוסר השכל אין דעם ענין.

ב"ה אז מיר האבן נישט דעם נסיון פון ארבעטן שבת. אבער, איין נסיון וואס מיר האבן אפשר יא, איז נישט רעדן פון וואכענדיגע זאכן אין שבת קודש. דער פלא יועץ ברענגט אז איינער וואס רעדט דברי חול אין שבת און נאכדעם זאגט "נישט אין שבת גערעדט" ווייזט ער נאר אויף זיין עם הארצות. עס ווערט אויך געברענגט אז אפילו מען וויל מאכן באקוועם פאר א שבת גאסט וואס איז נישט אזוי תורהדיג, זאל מען נישט רעדן דברי חול ביי דעם שבת טיש. עס זעט אויס אז מכבד זיין די שבת איז מער וויכטיג ווי די ריזיגע מצוה פון הכנסת אורחים.

דער אייבערשטער האט געגעבן גענוג "מן" פאר די אידן אין מדבר כדי זיי האבן נישט געדארפט עס זאמלען אין שבת. אזוי אויך גיבט אונז אונזער טאטע אין הימל גענוג פרנסה יעדע וואך, כדי מיר קענען אלע זיך אפרוהן אין דעם הייליגן טאג. דורך צוריקהאלטן פון רעדן וועגן ביזנעס זאכן און דברי חול אין שבת, וועלן מיר אלע זוכה צו די ווערטער פונעם נביא: "...וקראת לשבת ענג לקדוש ה' מכבד וכבדתו מעשות דרכיך ממצוא חפצך ודבר דבר. **אז תתענג על ה'** וגו'." **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ האשה החשובה לאה בת ר' דוד ע"ה, י"ח שבט
מזל טוב למוה"ר ר' יודל ליכטער שליט"א לרגל שמחת אירוסי נכדו יעקב יוסף נ"י, בן חתנו הרה"ג ר' יחזקאל שרגא שווארץ שליט"א
נתרם לרפו"ש של חיים מאיר בן מלכה העניע • מרדכי מענדל בן ציפורה-יוטא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234-362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**